# נַקְדִּישָׁךְ

די אומשאצבארע
## סגולה
און די געוואלדיגע
## מעלה
פון
## נישט רעדן ביים דאווענען

גליון י"א

## שתקתי ונושעתי

אל כבוד מערכת 'נקדישך'.

וויילענדיג דעם פארגאנגענעם שב"ק פ' בלק אין א האטעל לכבוד א שמחה ביי אונז אין משפחה, איז מיר אויסגעקומען צו זעהן אייער גליון וועלכע איז געווען אריינגעלייגט אינעם קונטרס 'נעם שבת' וואס איז דארט פארטיילט געווארן. אינעם גליון איז געווען נאכגעברענגט עטליכע מעשיות פונעם גליון 'הליכות החיים' ווי אידן האבן זוכה געווען צו ישועות נפלאות שלא כדרך הטבע דורך נישט אויסרעדן פון 'אדון עולם ביז אדון עולם'. א סגולה צו האבן פרנסה בריוח פון 'אדון עולם ביז אדון עולם', דהיינו, פון ראש השנה ביז ראש השנה.

באמת האב איך דאס שוין געהאט געליינט אינעם גליון הליכות החיים בשעתו און עס האט מיר שטארק איבערגענומען, אבער איך האב דאן נישט געשפירט אז איך בין גרייט דערצו. אצינד אבער ווען איך האב דאס ווידעראמאל געזעהן, און וויסענדיג אז איך בין דרינגענד אנגעוויזן אויף א ישועה מן השמים צו טרעפן א נייע לאקאציע פאר מיין געשעפט, האב איך מיר תיכף מקבל געווען אויף מיר מהיום והלאה נישט אויסרעדן מתחילת התפילה ועד סופה.

מאנטאג אינדערפרי, צוויי טאג נאכן נעמען אויף מיר די קבלה טובה, האב איך באקומען א רוף פון אן איינגענטומער פון א בנין אויף וועלכע איך האב מיר געהאט נאכגעפרעגט בעבר אבער די פרייז וואס מען האט געבעטן דערפאר איז געווען צו הויך, אצינד האט ער מיר דאס אנגעבאטן פאר היבש ביליגערן פרייז, אסאך וויניגער פון וואס איך האב מיר געראכטן צו באצאלן.

וישלח ה' ברכה והצלחה בכל מעשי ידיכם

ב.צ.א.

## והמגפה נעצרה

אין דער שטאט אוסטראה האט אמאל אויסגעבראכן א מגיפה רח"ל און עס האט ליידער געקאסט גאר אסאך אידישע קרבנות. דער דעמאלטיגער רב אין שטאט האט גוזר תענית געווען און האט פאררופן א יום תפילה, אז יעדער זאל תשובה טון מיט'ן גאנצן הארץ. ווי אויך האט דער רב געלאזט אויסרופן אין שטאט אז ווער עס ווייסט וועגן עפעס וואס עס קען זיין אז צוליב דעם קומט די מגיפה, זאל קומען איבערגעבן פאר'ן בית דין אז מען זאל וויסן וואס מען דארף פארריכטן און אזוי ארום צוריקהאלטן די מגיפה.

אין יענע צייט האט אין אוסטראה געוואוינט א איד וואס פלעגט נישט קומען אין גרויסן שוהל דאווענען, מען האט אבער געטראכט אז געוויס דאוונט ער אין אן אנדערן בית המדרש אין שטאט און מען האט זיך נישט צופיל צוטון געמאכט דערוועגן. אבער אצינד נאך וואס דער רב האט געלאזט אויסגערופן אין שטאט האבן צוויי אידן פון שטאט גענומען אויף זיך נאכצוגיין נאך דעם מאן און געוואויר ווערן וואס ער טוט און פארוואס ער קומט נישט אין שוהל.

אזוי האבן זיי טאקע געטון. זיי האבן גענומען נאכגיין נאך אים א גאנצן טאג אבער האבן גארנישט געקענט דערגיין, האבן זיי גענומען אים נאכקוקן אויך ביינאכט און האבן געזען האלבער נאכט צינדט אן א ליכט אין זיין הויז, ער מאכט זיך גרייט און גייט דערנאך ארויס אויף דער גאס פארשליסנדיג דער טיר הונטער זיך. מיט שנעלע טריט האט ער גענומען גיין ביז'ן אנדערן עק שטאט און זיי האבן אים נאכגעפאלגט שטילערהייט פונדערווייטנס אז ער זאל זיי נישט באמערקן, ער איז ארויס פון שטאט און איז אריין אין דערנעבנדיגן וואלד, און. ער איז פארשוואונדן געווארן פון זייערע אויגן.

זיי האבן מורא געהאט אים ווייטער נאכצופאלגן, טראכטענדיג, "ווער ווייסט צי ער איז פון א באנדע רויבער, ווער ווייסט וואו ער גייט דארט אין וואלד און וואס ער טוט דארט אפ." פארציטערטערהייט זענען זיי אהיימגעגאנגען.

צופרי זענען זיי געגאנגען צום רב און האבן אים פארציילט פונקטליך וואס זיי האבן געזען ביינאכט און מיט וואס זיי זענען חושד דעם מענטש, זיי האבן צוגעלייגט אז עס קען זיין אז דאס איז דער אורזאך פון דער שרעקליכער מגיפה. האט דער רב זיי געענטפערט, "עס קען טאקע זיין אז עס איז ווי איר זאגט, אבער וויבאלד איר האט נישט געזען מיט אייערע אויגן פונקטליך וואס ער טוט דארט אין וואלד, נאר איר שטעלט זיך בלויז פאר, דערפאר איז מיין עצה אז דעם קומענדיגן נאכט זאלט איר נאכאמאל טון אזויווי נעכטן ביינאכט, אים אפווארטן און באלד ווען אייר ווערט זען אז ער צינדט אן די ליכט אינדערהיים און גרייט זיך צו גיין זאלט איר מיר שנעל קומען זאגן ווייל איך וויל מיטגיין מיט אייך צו זען מיט מיינע אויגן פונקטליך וואס עס שפילט זיך דארט אפ."

דעם אנדערן נאכט ווען זיי האבן געזען די ליכט זיך אנצונדען זענען זיי גיך געלאפן מעלדן דעם רב. דער רב איז שוין געווען גרייט און האט שוין געווארט אויף זיי, ער איז באלד מיטגעגאנגען מיט זיי און איז נאך אנגעקומען צו יענעמס הויז נאך איידער ער איז ארויס פונדערהיים. ווען דער איד איז ארויסגעקומען און האט גענומען גיין זיין וועג האבן זיי גענומען אים פארזיכטיג נאכפאלגן פון געדרייטע וועגן, ער זאל נישט שפירן אז מען גייט אים נאך. זיי האבן אים געזען אריינגיין אין וואלד און זענען אויך אריין ביז זיי האבן געזען ווי ער שטעלט זיך אפ ביי אן אנגעצייכנטן פלאץ, ער האט זיך אראפגעזעצט און האט גענומען זאגן "תיקון חצות" מיט א ביטערן געוויין ביז זייער הארץ איז זיי צעגאנגען פון דער גרויס געוויין און פון דער געוואלדיגן זיסקייט.

נאך עפעס האט זיי איבערגענומען, ווען זיי האבן אים געהערט זאגן תיקון חצות האבן זיי צו זייער גרויס וואונדער געהערט צוויי שטימעס וואס זאגן צוזאמען תיקון חצות, איין שטימע איז געווען א מענטשליכע שטימע און דאס אנדערע איז זיי געווען אומבאקאנט, אויך נאך זיי האבן זיך שטארק אנגעשטרענגט צו דערקענען וועמענס שטימע דאס איז, האבן זיי נישט דערקענט קיינעם פון זייערע באקאנטע וואס זיין שטימע זאל זיין גלייך צו דעם צווייטן שטימע.

"אויב אזוי," האט דער רב געזאגט, "איז דער ערשטער זאך זעען מיר אז דער מענטש איז נישט קיין רויבער אזויווי איר האט געטראכט, אבער פונדעסטוועגן וועלן מיר דאווארטן ביז ער וועט ענדיגן זאגן תיקון חצות און וועט ארויסגיין פון וואלד, אז מיר זאלן נאך קענען מיטהאלטן וואס ער טוט און אינאיינוועגס זיך דערוואוסן וועמענס איז דאס צווייטע שטימע."

זיי האבן צוגעווארט און ווען ער האט געענדיגט האבן זיי געזען ווי ער הויבט זיך אויף און נעמט זיין טאשקע, ער הויבט אן ארויסצוגיין פון וואלד צוריקצוגיין צום שטאט. ווען ער איז ארויסגעקומען פון וואלד זענען זיי פלוצלונג ארויסגעקומען פון באהעלטעניש צו אים און האבן אים אפגעשטעלט. דער רב האט גענומען רעדן צו אים, און האט געזאגט, "מיר האבן דיר נאכגעפאלגט א גאנצע נאכט צו וויסן וואס דו טוסט ווייל מיר האבן דיר חושד געווען מיט

נישט קיין גוטע זאכן, און מיר האבן אזוי געטון צו וויסן די סיבה פארוואס עס איז געקומען די שרעקליכע מגיפה אויף אונזער שטאט וואס מיר ווייסן נישט ביז יעצט פארוואס עס איז געקומען, וויבאלד מיר האבן דיר אצינד געזען דינען דעם אויבערשטן דארט, האבן מיר צוריקגעצויגן פון וואס מיר האבן געטראכט און מיר בעטן דיר איבער.

"אבער," האט דער רב פארגעזעצט זיינע ווערטער, "אז מיר רעדן שוין וויל איך דיר פרעגן וועגן מיין גרויס וואונדער, מיר האבן דיר געזען אליין אריינגיין אין וואלד אבערביים זאגן תיקון חצות האבן מיר געהערט צוויי שטימעס, דערפאר זאלסטו מיר זאגן וועמענס איז געווען דאס צווייטע שטימע."

ווען ער האט געהערט וואס דער רב פרעגט האט ער פרובירט זיך ארויסצודרייען פון צו ענטפערן. האט אים דער רב געזאגט, "זאלסט וויסן אז איך בין דא דער מרא דאתרא און איך בין גוזר אויף דיר אז דו זאלסט מיר זאגן דעם אמת. וועמענס איז געווען דאס צווייטע שטימע?!"

הערנדיג אז דער רב איז גוזר, האט ער געענטפערט, "בלית ברירה וועל איך אייך זאגן דעם אמת, מיין מנהג איז שוין פון א לאנגער צייט צו טרויערן ווי עס דארף צו זיין אויף דער חורבן בית המקדש און מען האט געהאט דערפון א גרויסן נחת רוח אויבן אין הימל, האט מען מיר דערפאר געגעבן א מתנה אז מען שיקט מיר יעדן נאכט ירמי' הנביא אליין, ער קומט צו מיר צום וואלד צו זאגן מיט מיר אינאיינעם תיקון חצות און דאס איז די צווייטע שטימע וואס איר האט געהערט."

ווען דער רב האט געזען אז עס איז א שעת הכושר האט ער אים געפרעגט, "אויב אזוי' אז דו האסט א גרויסע זכיה אפצורעכטן תקון חצות צוזאמען מיט ירמי' הנביא, פארמאגסטו א גרויסע זכות און זיכער מאכן דיינע ווערטער א גרויסן רושם אין הימל, אויב אזוי פארוואס זעסטו נישט בטל צו מאכן די שלעכטע גזירה פון דער שטאט? איך בעט דיך כאטש מיר צו זאגן צוליב וועם קומט די גזירה, צוליב וועלכע באהאלטענע זינד, אויב וועסטו זאגן אז דו אליין ווייסט נישט קענסטו דאך אבער פרעגן פון ירמי'. און איינוועגס," האט דער רב אויסגעפירט זיינע ווערטער, "וויל איך דיר פרעגן פארוואס דו קומסט נישט דאוונען אין שוהל?"

"מארגן וועל איך קומען אין שוהל," האט דער איד איידל געזאגט, "און דארט וועט פארענטפערט ווערן די אלע שאלות."

נאך וואס ער האט געענדיגט זיינע רייד האט ער זיך געזעגנט פון זיי און יעדער איז זיך אהיימגעגאנגען.

די צוויי מענטשן האבן זיך נישט געקענט איינהאלטן און האבן נאך יענעם טאג פארשפרייט איבערן גאנצן שטאט אז עס איז פאראן א באהאלטענער צדיק אין שטאט און אויך אז ער וועט קומען דאווענען אין שוהל. דער גאנצער שטאט האט גערודערט דערמיט און אלע זענען געקומען אין גרויסן שוהל זוכה צו זיין צו זען דעם צדיק נסתר, דער שוהל איז געווארן איבערגעפולט מיט מענטשען ביז מען האט זיך מער נישט געקענט רירן אינעווייניג און מען האט מער נישט געקענט אריינקומען.

דערווייל האט מען געווארט אז דער צדיק זאל אנקומען, אים צו קענען זען ווען ער וועט אריינקומען אין שוהל. אבער מען האט לאנג געווארט און ער איז נישט אנגעקומען. האט דער רב געהייסן דערווייל דאוונען און נישט פארפאסן דעם זמן תפילה. האט מען גענומען דאוונען מיט א גרויס התעוררות און גלייכצייטיג האט מען ווייטער געווארט אז דער צדיק נסתר זאל אנקומען. פלוצלונג אינמיטן פסוקי דזמרה איז ער אריינגעקומען שוין אנגעטון אין טלית און תפילין. ווען די אנוועזנדע האבן אים דערזען איז זיי באפאלן א פחד און עס איז אנטשטאנען א בהלה אין שוהל ווייל עטליכע מענטשן זענען צאמגעפאלן פון גרויס ציטער, מען האט זיי שנעל דערמונטערט.

דער צדיק האט זיך געשטעלט אין א ווינקל און האט געדאוונט ווי זיין שטייגער. נאכ'ן דאוונען איז דער רב צוגעגאנגען צו אים און האט אים געזאגט, "אצינד האב איך שוין נאך א וואונדער אויסער די זאכן אויף וואס איך האב זיך נעכטען געוואונדערט; פארוואס ווען דו ביסט אריינגעקומען אין שוהל האט יעדן אנגעכאפט אזא ציטער אזש עטליכע מענטשן האבן גע'חלש'ט? אויך זע איך נישט אז מיין נעכטיגע וואונדער און קשיות זאלן פארענטפערט ווערן."

(פארזעצנוג קומענדיגע וואך אי"ה)





שטר קבלה

קוויטעל לתוספות יו"ט

הריני מקבל עלי בלי נדר קבלות טובות
בעניני תפלה וקדושת ביהמ"ד:

קדושת ביהמ"ד - בימות החול
- ◯ שלא לדבר משעת התחלת "ברכות" עד אחר "עלינו".
- ◯ שלא להתפלל עם סעלפאן פתוח (אף ווייבערעט).
- ◯ שלא להכניס סעלפאן בשעת התפלה.

זמן קרי"ש ותפלה
- ◯ זהירות יתירה לקרוא קרי"ש בזמנה.
- ◯ זהירות להתפלל שחרית לפני סוף "זמן תפלה".

קדושת ביהמ"ד - בשבת קודש
- ◯ שלא לדבר משעת התחלת "הודו".
- ◯ שלא לדבר בשעת חזרת הש"ץ, קדיש, וקריאת התורה (אפילו בין גברא לגברא).
- ◯ שלא לעיין בגליונות בשעת חזרת הש"ץ, קדיש וקדושה.

הרינו מקבל קבלות אלו לעשות נחת לבורא יתברך שמו

◯ עד_______ ◯ עד ממחרת יוהכ"פ הבעל"ט ◯ עד זאת חנוכה הבעל"ט

הריני מבקש מרבינו מרן התוס' יו"ט לעורר רחמים בשמים, שבזכות הקבלה טובה ובכח הרבים, אזכה אני ובני ביתי לפרנסה בריוח, לנחת דקדושה מיוצאי חלצי, לבריות הגוף והנפש, ואבקש בפרטיות:

___________________________________

מי שברך אבותינו, אברהם יצחק ויעקב, משה ואהרן, דוד ושלמה, הוא יברך את כל מי ששומר פיו ולשונו שלא לדבר בעת התפלה וקריאת התורה, הקדוש ברוך הוא ישמרהו מכל צרה וצוקה מכל נגע ומחלה, ויחול עליו כל הברכות הכתובות בספר תורת משה רבינו ובכל ספרי הנביאים והכתובים, ויזכה לראות בנים חיים וקימים ויגדלם לתורה ולחפה ולמעשים טובים, ויעבוד את ה' אלקינו תמיד באמת ובתמים ונאמר אמן.

חתימה ____________________

אידן זעהן ישועות חוץ לדרך הטבע
בזכות שתיקה יפה בשעת התפלה!

שיקט אייער "שטר קבלה" און קוויטל צו:
Fax: (718) 504-7120 Email: kviteltyt@gmail.com